ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב'

תשפ"ג

302

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֶעג אִיךְ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּן עֶ. אַיי. AI?...................................א
מֶעג מֶען לֶערְנֶען לִיגְנְדִיג?...................................ב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט אִינְזִין אוֹיךְ דֶעם קְלֵיינֶעם וֶוערֶעמְל...................................א
רֶעדְט צוּם מַאן שֵׁיין, וֶועט עֶר רֶעדְן צוּ אַייךְ שֵׁיין...................................ג
הֶעלְפְן אַ מַאמֶע שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי שָׁלוֹם בַּיִת...................................ג
אִיךְ בִּין דִיר נִישְׁט מְרַחֵק, זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת...................................ד
אִיךְ וֶועל נִישְׁט נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מוֹסָד, אוֹיב אִיז דָא בַּיי זֵיי שֶׁעדְלִיכֶע כֵּלִים....ה
פוּן אַזַא רֶבִּי וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין...................................ו
קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זַיין אִין שׁוּל וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָארְט...................................ט
וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי וַוייבּ...................................ט
אַנְשְׁטָאט וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף דִי וַוייבּ, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ תְּשׁוּבָה טוּן...................................י
לֶערְן דִי מַסֶכְתָּא, חַזֶר דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל...................................יא
אַז מֶען פְרֶעגְט אִיבֶּער, זָאג אִיךְ סַיי וִוי נָאר וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן...................................יב
אַ בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק...................................יב
דִי שִׁידוּךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף אָנְהַאלְטְן...................................יג
מִנְהָגִים פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת...................................טו
אִיךְ שִׁיק אוֹיךְ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ...................................טז
דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן...................................יז

מִנְהָגֵי בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוֹם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.......................... יז

אָנְגְרֵייטְן פָּארְאוֹיס וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע וָואךְ ...... יט

כַאפּ זִיךְ אָן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה .......................... יט

אַ קִינְד שְׁפִּירְט גְלַייךְ אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט אִים לִיבּ אָדֶער נִישְׁט.......................... כ

אַייעֶר מַאן אִיז טַייעֶר אוּן וואוֹיל, אָבֶער עֶר דַארְף אַייעֶר שְׁטַארְקֵייט .......................... כ

שְׁפִּילְן תַּמְ'עֲוואטֶע אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין בִּיז עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ .......................... כא

דֶערְצֵייל פַאר דַיין כַּלָה נָאר גוּטֶע זַאכְן.......................... כב

עֶטְלִיכֶע הַדְרָכוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת אִין צְנִיעוּת.......................... כב

וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, נֶעמְט זִיךְ דִי תּוֹרָה אָן פַאר אִים .......................... כג

אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.......................... כד

גֵיי אַ טֶענְצְל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.......................... כה

הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער.......................... כו

דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אִין יְשִׁיבָה שְׁפִּילְט נָאךְ אִין דַיין קָאפּ...כו

לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ דַיְקָא יֶעדְן אוֹיפְדֶערְנַאכְט.......................... כז

מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר וַוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.......................... כח

זֵיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען .......................... כט

נִישְׁטָא קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער, אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.......................... כט

אָנְהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.......................... ל

עֶס לוֹינְט זִיךְ אַלֶעס אַבִּי צוּ קֶענֶען אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ אִיד .......................... לא

אִיךְ וִויל נֶעמֶען מַיין זוּן קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר .......................... לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## מֶעג אִיךְ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת פוּן עֶ. אַיי. AI?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז דָא אַ נַייעֶ סָארְט טֶעכְנָאלָאגִיעֶ וָואס הֵייסְט עֶ. אַיי. AI, מֶען קֶען עֶס רוּפְן אוּן פְרֶעגְן וָואס מֶען ווִיל, אוּן עֶס הָאט אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶעס.

אִיךְ בִּין דְרַייצְן יָאר אַלְט, אִיךְ הַאלְט מִיט ווִי דִי מֵיידְלֶעךְ אִין מַיין קְלַאס רוּפְן עֶס אוּן פְרֶעגְן עֶס אַלֶע סָארְט זַאכְן אוּן עֶס עֶנְטְפֶערְט זֵיי, נָאכְדֶעם קוּמֶען זֵיי אִין סְקוּל אוּן רֶעדְן וֶועגְן דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין מַאמֶע אַז אִיךְ ווִיל עֶס אוֹיךְ רוּפְן, הָאט מַיין מַאמֶע גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן צוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַ בְּרִיוו וֶועגְן דֶעם אוּן פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְן וָואלְט אִיךְ מִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק ... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם, אָפְּהִיטְן זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רוּפְט נִישְׁט דִי טֶעלֶעפָאן אוּן פְרֶעגְט נִישְׁט קֵיינֶעם אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס; אַלֶע אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס זָאלְט אִיר

נָאר פְרֶעגְן פוּן אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע, אָדֶער אַייעֶרע לֶערֶערִינְס, זֵיי וֶועלְן אַייךְ עֶנְטְפֶערְן אַייעֶרע פְרַאגֶעס לוֹיט אַייעֶר עֶלְטֶער, לוֹיט אַייעֶר פַארְשְׁטַאנְד; אַזוֹי וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען.

בְּנוֹגֵעַ דִי חַבְרְ׳טֶעס; חַבֶרְ׳ט זִיךְ מִיט רֵיינֶע עֶרְלִיכֶע מֵיידְלֶעךְ, נָאר מִיט קִינְדֶער וָואס זֶענֶען עֶרְלִיךְ, רֶעדְן אֵיידְל.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן גוּטֶע חַבְרְ׳טֶעס. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סֵפֶר הַחִינוּךְ, מִצְוָה טז), אֲפִילוּ אַ צַדִיק, אוֹיבּ דְרֵייט עֶר זִיךְ צְוִוישְׁן רְשָׁעִים - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי, אוּן אוֹיךְ אַ רָשָׁע, אוֹיבּ דְרֵייט עֶר זִיךְ צְוִוישְׁן צַדִיקִים - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, זוּכְט אוֹיף פָּשׁוּט׳עֶ קִינְדֶער, אֲפִילוּ מֶען רוּפְט זֵיי נֶעבֶּעכְדִיגֶע קִינְדֶער, אַבִי זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ - אוּן נָאר מִיט זֵיי חַבֶרְ׳ט זִיךְ, וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ וֶועט מֶען פְרֶעגְן פוּן דִי טֶעלֶעפָאן שְׁאֵלוֹת פוּן אֱמוּנָה - קֶען מֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְפַאלְן פוּן דִי אֱמוּנָה.

...

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען לִיגְנְדִיג?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַ דַאנְק דִי חִזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ הָאבּ גָאר אַ פַארְנוּמֶענֶע טָאג, אוּן בַּיינַאכְט וֶוען אִיךְ גֵיי שׁוֹין שְׁלָאפְן דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ הַיינְט גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אִיךְ בִּין אָבֶּער שׁוֹין זֵייעֶר מִיד אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זִיצְן אוֹיפְן בֶּענְקְל בַּיים טִישׁ, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר מִיר צוּ לֶערְנֶען אִיז צוּ לֶערְנֶען לִיגְנְדִיג אוֹיפְן בֶּעט, אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט לֶערְנֶען יֶענֶעם טָאג.

אִיז דָאס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, מִשְׁנָה, הֲלָכָה, לִיגְנְדִיג אִין בֶּעט, אָדֶער פַּאסְט עֶס נִישְׁט צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט לֶערְנֶען אַזוֹי. קוּק נָאךְ אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תּוֹרָה לִשְׁמָהּ (שְׁאֵלָה שסז), אֵיינֶער פְרֶעגְט דִי זֶעלְבֶּע פְרַאגֶע, אוֹיבּ מֶען מֶעג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיגְנְדִיג, אוֹיבּ עֶס אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג; בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין דִי תְּשׁוּבָה, אַ רַאיָ׳ פוּן וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (זְבָחִים ה.): ״רָמֵי רֵישׁ לָקִישׁ עַל מְּעוֹהִי בֵּי מִדְרְשָׁא״, רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיפְן בּוֹיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה אִין לֶערְנֶען, זָאגְט דֶער בֶּן אִישׁ חַי, וָואס דַארְף דִי גְמָרָא זָאגְן אַז רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעלֶעגְן? נָאר אוּנְז צוּ לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ אַמָאל אִיז מֶען אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט - מֶעג מֶען לֶערְנֶען לִיגְנְדִיג. עֶר זָאגְט אָבֶּער: ״אַךְ לֹא יַתְמִיד בָּזֶה״, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טוּן, מֶען זָאל לֶערְנֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט - קֶען מֶען לֶערְנֶען אַזוֹי.

לֶערְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אֲפִילוּ בִּיסְט מִיד אוּן אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט; בִּפְרַט אַ בְּלַאט גְמָרָא בְּכָל יוֹם, דֶער בְּלַאט גְמָרָא זָאל זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן אַזוֹי וִויכְטִיג - וִוי לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִילִין. מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, זוּן פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הוּבָא בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין): ״אַ בְּלַאט גְמָרָא דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיים מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן תְּפִילִין״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִינְזִין אוֹיף דֶעם קְלֵיינֶעם וֶועלְעמְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶם מֶעלֶער זָאל מָאלְן דִי בִּילְדֶער פַאר דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. בַּיי מִיר אִיז ווִיכְטִיגֶער דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וַוייל קִינְדֶער - אַז דוּ לֵייגְסְט אִין זֵיי אַרַיין אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - נֶעמֶען זֵיי דָאס אָן שְׁטֶערְקֶער אוּן רֵיינֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי לָאזְן ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַּארְשְׁטֵייט אוּנְז אוּן קֶען אוּנְז הֶעלְפְן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רט).

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁפַּאצִירְט מִיט צְוֵויי תַּלְמִידִים אוּן אוֹיף דֶער עֶרְד לִיגְט אַ וָואֹרֶעם (עֶר זָאל מַאכְן דֶעם וָואֹרֶעם גְרוֹיס אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל קִינְדֶער זוּכְן אִין דִי בִּילְדֶער - בַּעֲלֵי חַיִים, אוּן דָאס רֶעדְט צוּ זֵיי מֶער פוּן אַלֶעס), וָואס עֶסְט אַ בְּלֶעטְל, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וַוייזְט מִיט דִי הַאנְט אוֹיפְן וָואֹרֶעם.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן בְּלֶעטְל אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְן דָאס גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ:

**טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת, מִיר הָאבְן גֶעזוּכְט אַ גוּטֶער מֶעלֶער וָואס וֶועט מָאלְן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער. יֶעצְט נָאךְ אַסַאךְ תְּפִילוֹת הָאבְן מִיר גֶעפוּנֶען אַ גֶעלוּנְגֶענֶע מֶעלֶער**

וָואס וֶועט אַייךְ מָאלְן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער; וֶועלְן מִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס וֶועט אַייךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אַלֵיינְס"; דִי וֶוערְטֶער חַזֶר'ט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. עֶר שְׁפַּאצִירְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "וָואס מֶען זֶעט אוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט, אַלֶעס, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל, אַלֶעס רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל; אֲפִילוּ אַ שְׁטְרוֹי וָואס פַאלְט פוּן וָואגְן אוּן אֲפִילוּ אַ פֵייגְל וָואס וֶוערְט פַארְכַאפְּט אִינֶעם נֶעץ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

דִי זוּן שַׁיינְט, עֶס אִיז הַיינְט אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, אַ שֵׁיינֶע בְּלוֹיֶע הִימְל, עֶס צֶעבְּלָאזְט זִיךְ אַ קִילֶע ווִינְטְל אוּן עֶס פַאלְן בְּלֶעטְלֶעךְ פוּן בּוֹים. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָטֶעמְט אַרַיין דִי פְרִישֶׁע לוּפְט אוּן שְׁרֵייט אוֹיס הוֹיךְ: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פְרִישֶׁע לוּפְט", אַלֶע תַּלְמִידִים זָאגְן נָאךְ שְׁטִילֶערְהֵייט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פְרִישֶׁע לוּפְט", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט נָאכְאַמָאל: "טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס זָאל אַרָאפְּפַאלְן".

דִי תַּלְמִידִים טְרַאכְטְן, ווִי קֶען דָאס זַיין? אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי? אַ בְּלֶעטְל פַאלְט נִישְׁט פוּן בּוֹים סְתָּם אַזוֹי? "רֶבִּי, גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין - זָאגְט אַ דְרֵייסְטֶער תַּלְמִיד - אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, אַז דִי בְּלֶעטְלֶעךְ פַאלְן אַרָאפּ פוּן בּוֹים מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן? וָואס פַאר אַ חֶשְׁבּוֹן אִיז דָא מִיט בְּלֶעטְלֶעךְ? וֶועם אִינְטֶערֶעסִירְט וואו דִי בְּלֶעטְלֶעךְ פַאלְן?"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "קוּמְט מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן עֶפֶּעס גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁפַּאצִירְט וַוייטֶער, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן זָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "דָא לִיגְט אַן הוּנְגֶערִיגֶע וֶוערֶעמְל וָואס זוּכְט עֶסְן אוּן טְרֶעפְט נִישְׁט, דָאס וֶוערֶעמְל הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קְרִיכְן, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס עֶסְן', מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס זָאל בְּלָאזְן אַ ווִינְט אוּן אַ

בְּלֶעטְל פַּאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אוּן דֶער ווינְט טְרָאגְט עֶס בִּיזְן וָואוּהִין דֶער וואֶרֶעם אוּן דִי וָואוֹרֶעם דְרֵייט אֵיין דָאס בְּלֶעטְל אוּן זָאגְט 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער'".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ, אָדֶער מֶען צֶעקְלֶעמְט זִיךְ, אָדֶער עֶפֶּעס פַּאסִירְט - וֵוייסְן מִיר אַלֶע אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְט צוּם מַאן שֵׁיין, וֶועט עֶר רֶעדְן צוּ אַייךְ שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבַּר, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן. אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן, עֶר אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּעַל מִידוֹת וִירֵא שָׁמַיִם, רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין - וֶועט עֶר רֶעדְן צוּ אַייךְ שֵׁיין.

גֶעבְּט נִישְׁט קַיין קְרִיטִיק, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ מֶען זָאל זֵיי קְרִיטִיקִירְן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט פוּן דִי וַוייבּ.

זַייט פְרֵיילִיךְ, זוּכְט אוֹיף גוּטֶע זַאכְן בַּיי אַייךְ אוּן בַּיי אִים. יֶעצְט וֶוען מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים.

...

## הֶעלְפְן אַ מַאמֶע שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי שְׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבַּר, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

צוּ מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי מְחַזֵּק דַיין וַוייבּ זִי זָאל גֵיין וָואס מֶער הֶעלְפְן אִיר מַאמֶע תִּחְיֶ',

און טְרַאכְט נִישְׁט פַאר אֵיין מִינוּט אַז הֶעלְפְן אַ מַאמֶע שְׁטֶערְט פַאר שָׁלוֹם בַּיִת און אַז עֶס שְׁטֶערְט פון דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (מַסֶּכֶת פֵּאָה א, א) "בִּזְכוּת כִּיבּוּד אָב וָאֵם אָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לְעוֹלָם הַבָּא"; מֶען פַארְלִירְט גָארְנִישְׁט, מֶען בַּאקוּמְט נָאר.

שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, מַאךְ אִיר נִישְׁט שְׁוַואךְ, זָאג אִיר וִוי גְרוֹיס אִיר זְכוּת אִיז, וִוי חָשׁוּב און טֵייעֶר זִי אִיז אַז זִי פָארְט צוּ אִיר מַאמֶע דְרֵיי מָאל אַ וָואךְ און זִי הֶעלְפְט אִיר מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. אִיךְ זָאג דִיר אִיךְ בִּין מְקַנֵּא אִיר זְכוּת און דַיין זְכוּת פַארְן אִיר מְחַזֵּק זַיין און אִיר הֶעלְפְן מִיט אַ וֶועג, און אַזוֹי וַוייטֶער.

מִיר – אִין אַפָּאר יָאר אַרוּם – וֶועלְן זַיין פון דִי עֶלְטֶערֶע וָואס וֶועלְן וַוארְטְן 'וֶוען וֶועט אַ קִינְד קוּמֶען זִיךְ בַּאוַוייזְן...?' 'וֶוען וֶועט אַן אֵיינִיקְל קוּמֶען זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן מִיר אָנְטוּן דִי שְׁטְרוּמְפּ...?'

...

### אִיךְ בִּין דִיר נִישְׁט מְרַחֵק, זַיי מִיר דַן לְכַף זְכוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, מ"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי אַרַיין אִין דִי גֶעשֶׁעפְט און דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, הָעִקָּר זַיי שְׁטַארְק, גֵיי אַלֵיינְס אַרַיין אִין בִּיזְנֶעס. זַיי זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין.

אַגַב, דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר, הֲיִתָּכֵן אִיךְ בִּין דִיךְ מְרַחֵק, שׁוֹין אַפָּאר מָאל בִּיסְטוּ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר און אִיךְ עֶפְן נִישְׁט דֶעם טִיר; אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין דִיר נִישְׁט מְרַחֵק, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ מֵיין עֶס אִיז שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט טְרַאכְטְן, אִיךְ בִּין דִיךְ נִישְׁט מְרַחֵק, און

אויב איך ענטפער נישט - אפשר בין איך פארנומען? מען מעג אויך דן זיין לכף זכות דעם ראש ישיבה.

אַ צְוֵייטֶער אִינְגֶערְמַאן שְׁרַייבְּט מִיר הַיִתָּכֵן אִיךְ בִּין אִים מְרַחֵק, עֶר רוּפְט מִיךְ אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט, אוּן עֶר שְׁרַייבְּט מִיר 'עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען', וְויל אִיךְ דִיר זָאגְן: "דוּ וֵוייסְט נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט - וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ טָאג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ וֶועל נִישְׁט נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מוֹסָד, אוֹיבּ אִיז דָא בַּיי זֵיי שֶׁעדְלִיכֶע כֵּלִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ח אִיָּיר, מ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעכְטְן בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט עֶנְדִיגְן דִי שִׁיעוּר מַמָּשׁ בַּיים אָנְהוֹיבּ שִׁיעוּר, וַוייל מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט זִיךְ אוּן דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וְוי אִיךְ צוּפַלַאץ זִיךְ אִין אַ גֶעוֵויין, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִיךְ הָאבּ אַזוֹינְס.

אִיךְ וִויל מוֹדִיעַ זַיין אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ בַּארֶעכְנְט, אִיךְ וֶועל נִישְׁט נֶעמֶען אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן שְׁלָאפְן דִי וָואס הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן. דַאוֶוענֶען יוֹם טוֹב - וֶועלְן אַלֶע קֶענֶען קוּמֶען, אָבֶּער שְׁלָאפְן - וֶועל אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען. אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ יְחֶזְקֵאל סַאמֶעט עֶר זָאל צוּרִיק גֶעבְּן דִי גֶעלְט פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן שׁוֹין בַּאשְׁטֶעלְט אוּן גֶענוּמֶען אַ צִימֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶועל אִיךְ נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִין דִי מוֹסָד דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ דִי שֶׁעדְלִיכֶע זַאכְן.

אִיךְ זָאג עֶס יֶעצְט אוּן אִיךְ מֵיין עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַּאר מוֹהֲרָא"ש אִיךְ וֶועל טוּן.

זַיי מִתְפַּלֵל פַּאר מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט צַאמְבְּרֶעכְן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**פוּן אַזַא רֶבִּי וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, טֵייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶועז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן שׁוֹין בֶּענְק אִיךְ זִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ עֶנְק. אִיךְ וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן מִיט עֶנְק פַּאר נָאךְ לֶענְגֶער, אִיךְ הָאבּ אַייךְ זֵייעֶר לִיבּ. אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעפָארְן פַּאר אֵיין סִיבָּה, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטוּבּ מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי דַארְפְן מִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ לֵיין מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע יֶעדֶע נַאכְט, אִיךְ לֵייג זֵיי שְׁלָאפְן, אוּן אִינְדֶערְפְרִי גִיס אִיךְ זֵיי אָפּ נֶעגְל וַואסֶער (אִיךְ הָאבּ אַ קְלֵיינֶע דִירָה, מֶען שְׁלָאפְט אֵיינֶער נֶעבְּן צְוֵוייטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ פַּאר יֶעדֶע קִינְד צוּ לֵייגְן נֶעגְל וַואסֶער. אִיךְ וֶועק זֵיי אוּן גִיס זֵיי אָפּ נֶעגְל וַואסֶער); נָאר צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ אַהֵיים גֶעקוּמֶען, אַז נִישְׁט - וָואלְט אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַייךְ. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי; דָאס תְּמִימוּת, דָאס בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ ווִילְד חִידוּשׁ, אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר מְקַנֵא.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, אוּן מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן יֶעדְן טָאג וָואס מִיר הָאבְּן אַלְץ בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ בִּלְבּוּלִים, אַסַאךְ לֵיצָנוּת, אַסַאךְ קַשְׁיוֹת אוֹיפְן צַדִיק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נב): "מַה שֶּׁקָּשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַצַּדִּיקִים", דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִיקִים, "זֶהוּ מֻכְרָח לִהְיוֹת", אַזוֹי מוּז זַיין, "כִּי הַצַּדִּיקִים מִתְדַּמִּים לְיוֹצְרָם כַּמּוּבָא", וַוייל דִי

צַדִּיקִים זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְמוֹ שֶׁקָּשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוּן אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, 'פַּארְוָואס גֵייט מִיר נִישְׁט? פַּארְוָואס מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ?' "כְּמוֹ כֵן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה קָשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַצַּדִּיק, כִּי הוּא מִתְדַּמֶּה אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווארויל אִיז דֶעם וָואס קוּמְט אַלֶעס אִיבֶּער.

נִישְׁט מֶען זָאל מֵיינֶען אַז עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן פוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת, בַּאלְד וֶועט נָאךְ אֵיינֶער זָאגְן 'קוּק עֶס שְׁטֵייט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, זֶה מֻכְרָח לִהְיוֹת, עֶס מוּז זַיין'; נֵיין, חַס וְשָׁלוֹם; ווארויל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר וֵוייסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט - אִיז גוּט.

וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן שְׁמוּעֶסְט אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאכְאַלְץ אוֹיס, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי טוּט מִיט אִים יֶעדְן טָאג - דֶער הָאט כֹּחַ אִיבֶּער צוּ קוּמֶען אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אִים קוּמְט אוֹיס קְלָאר טָאג נָאךְ טָאג: 'פוּן אַזַא רֶבִּי וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, אֲפִילוּ עֶר וֶועט מִיךְ שְׁמַייסְן מִיט אַ דְרָאנְג'.

אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רַב, רֶבִּי אַהֲרֹן, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּי'ן - שְׁנַת תקע"א - פְרֶעגְן וָואס עֶר זָאל טוּן וֶועגְן זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז דִי רָאשֵׁי קְהִילָה זָאגְן אִים אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן, עֶר טָאר זֵיי נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ', אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט אַוֶועק פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין פַּרְנָסָה וְכוּ'. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דֶערְפוּן, אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען ווייל דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קוּם נִישְׁט", הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דֶער רֶבִּי זָאל נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ אַוֶועק טְרַייבְּן - וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען".

אַזוֹי אוֹיךְ גֵייט דִי מַעֲשֶׂה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' לִיפָּא, אַ

גְרוֹיסֶער סוֹחֵר. אַמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר װֶעט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעוַואלְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, עֶר זָאל קֶענֶען פָּארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר מְרַמֵּז גֶעוֶועזְן בַּיי דִי תּוֹרָה װָאס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים): "חֲיֵיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קְטִילַת בְּהוֹן", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרַמֵּז זַיין פַאר ר' לִיפָּא אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט וְכוּ'. ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעם, עֶר אִיז אַװֶעק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן, עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, פַארְװָאס בִּיסְטוּ אַװֶועק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? עִמָּנוּ הֱיִיתֶם!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה װָאס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוּן אִים מְרַמֵּז גֶעוֶועזְן אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַװֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן – װֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַװֶועק גֵיין", וַוייל װֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד – קוּמְט אוֹיס אַז 'פוּן אַזַא רֶבִּי װֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַװֶועק גֵיין, אֲפִילוּ עֶר װֶועט מִיךְ שְׁמַייסְן מִיט אַ דְרָאנְג'.

דִי װָאךְ קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיינְגֶעמֶען דֶעם יוֹם טוֹב מִיט נֶערְװֶען, אוּן נַארִישְׁקֵייטְן; דֶער עִיקָר אִיז אַרַיינְגֶעמֶען יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה. גָארְנִישְׁט דַארְף זַיין, נָאר אֵיין זַאךְ, מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז אִיר װֶועט קֶענֶען אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט – אִיז זֵייעֶר גוּט, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער עִיקָר תִּיקּוּן אִיז זָאגְן דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, סַיי פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים, אוּן אוֹיךְ דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת.

בַּיי אוּנְז נָאכְן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן – טַאנְצְן מִיר; מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז מִיר

זֶענֶען אִידְן און מִיר וֵוייסְן פון דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. מִיר טַאנְצְן בִּיז פַּארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה און מֶען אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת און אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זַיין אִין שׁוּל וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָארְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ח אִיָּיר, מ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ׳**

כָּל זְמַן דִי חֵדֶר אִיז אִין שׁוּל - זָאלְסְטוּ פַארְשְׁפַּארְן דֶעם שׁוּל, און קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זַיין אִין שׁוּל אִין דִי צַייט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען דָארְט; אַ חֵדֶר מִיט אַ שׁוּל גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם.

אִיךְ שְׁרַייב דִיר דָאס וַוייל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שְׁרַייבְּן מִיר אִיךְ זָאל דִיר זָאגְן זָאלְסְט יָא לָאזְן אַרַיינְקוּמֶען אִין שׁוּל, זֵיי זוּכְן אִינְמִיטְן טָאג אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל ווּאוּ צוּ לֶערְנֶען און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן, זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ, זָאלְסְט וַוייטֶער אַזוֹי טוּן - בִּיז מֶען וֶועט אָפְּטֵיילְן דִי חֵדֶר פוּנֶעם שׁוּל.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער ווִי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְן שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן אוֹיג.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סג.): ״רַבִּי חִיָּיא הֲוָה קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ דְבִיתְהוּ״, רַבִּי חִיָּיא׳ס וַוייבּ פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין, מִיט

דֶעם אַלֶעם: "כִּי הֲוָה מְשַׁכַּח מִידִי", וֶוען עֶר פְלֶעגְט זֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס זַיין וַוייבּ הָאט לִיבּ, "צַיֵּיר לֵיהּ בְּסוּדְרֵיהּ, וּמַיְיתֵי נִיהֲלֵהּ", פְלֶעגְט עֶר אִיר דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען. פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא, רַב הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי חִיָּיא: "הָא קָא מְצַעֲרָא לֵיהּ לְמַר", זִי אִיז דָאךְ דִיר מְצַעֵר, פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ אִיר דִי גוּטֶע זַאכְן? הָאט אִים רֶבִּי חִיָּיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַּיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת בָּנֵינוּ", מִיר אִיז גֶענוּג אַז זִי צִיט אוֹיף דִי קִינְדֶער, "וּמַצִּילוֹת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא", אוּן זִי רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

לֵייג דִיר אַוֶועק דֶעם קְלֵיינֶעם בְּרִיוו, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט דִיר שְׁוֶוער אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֵיין וָואס שְׁטֵייט דָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אַנְשְׁטָאט וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף דִי וַוייבּ, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ תְּשׁוּבָה טוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַנְשְׁטָאט וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן זָאגְן אַז זִי אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם - זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ תְּשׁוּבָה טוּן. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּמַחֲשָׁבָה, עֶר טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּדִבּוּר, עֶר רֶעדְט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בְּמַעֲשֶׂה, עֶר זִינְדִיגְט אוּן טוּט עֲבֵירוֹת - לַיידְט עֶר נָאכְדֶעם פוּן מֶענְטְשְׁן".

גֵיי אִין אַ ווִינְקְל, זוּךְ אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, אוּן

וַויין זִיךְ גוּט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בְּמַחֲשָׁבָה, דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טז, ז): "בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי אִישׁ, גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועלְן זַיינֶע פַּיינְט וֶוערְן פְרַיינְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נד, א): וֶוער זֶענֶען זַיינֶע פַּיינְט? "רַבִּי יוֹחָנָן אָמַר, זוֹ אִשְׁתּוֹ", דָאס מֵיינְט מֶען דִי וַוייבּ; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין - דֶעמָאלְט וֶוערְט זַיין וַוייבּ זַיין הֶעלְפֶער, זִי וֶועט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט אִים אוּן זַיין פַאר אִים אַן עֵזֶר.

אִיךְ וֶועל זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל. אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעטֵיילְט דִי יָמִים טוֹבִים; פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת בִּין אִיךְ אִין שְׁטֶעטְל, אוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי בִּין אִיךְ אִין שְׁטָאט. אִיךְ גֵיי אַהִין וַוייל אִיךְ דַארְף זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵּק זַיין, אָבֶער נִישְׁט אַז אַלֶע דַארְפְן אַהִין קוּמֶען. מַאךְ נִישְׁט דָא קַיין חֲסִידוּת, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ צוּ קוּמֶען, עֶס פֶעלְט בִּכְלָל נִישְׁט אוֹיס צוּ קוּמֶען. דֶער עִיקָּר אִיז, וואוּ מֶען אִיז - זָאל מֶען פְּרוּבִּירְן דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְן דִי מַסֶכְתָּא, חַזֵר דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

לֶערְן דִי מַסֶכְתָּא, חַזֵר דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר דִיר ..., דוּ זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן דַיין טַאטֶע וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

**אַז מֶען פְרֶעגְט אִיבֶּער, זָאג אִיךְ סַיי ווִי נָאר וָואס יֶענֶער ווִיל הֶערְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַז מֶען פְרֶעגְט און מֶען עֶנְטְפֶערְט - דַארְף מֶען אָנְנֶעמֶען.

אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַלֶע פְּרָטִים, און מֶען הָאט מִיט דַעַת תּוֹרָה גֶע׳פַּסְקְ׳נְט מֶען זָאל וַוארְטְן לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי יָאר וְכוּ׳ - דַארְף מֶען דָאס אָנְנֶעמֶען.

אִיר הָאט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זָאלְט אִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי און שֶׁעפְּן נַחַת פוּן זֵיי, און וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת - וֶועט מֶען זַיין גְרֵייט צוּ נָאךְ קִינְדֶער, יֶעצְט אִיז אַ בְּחִינָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים כב:): "כְּשֵׁם שֶׁקִּבַּלְתִּי שָׂכָר עַל הַדְּרִישָׁה, כַּךְ אֲנִי מְקַבֵּל שָׂכָר עַל הַפְּרִישָׁה".

אַז מֶען פְרֶעגְט אִיבֶּער - זָאג אִיךְ סַיי ווִי נָאר וָואס יֶענֶער ווִיל הֶערְן; אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף מֶען נִישְׁט קוּמֶען, מֶען קֶען גְלַייךְ טוּן וָואס מֶען ווִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ בְּלַאט גְמָרָא וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת נָשֹׂא א׳, ב׳ סִיוָן, מ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק**

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן אִין גַאס, וֶועסְטוּ הָאבְן אַ גוּט לֶעבְּן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיךְ.

...

## דִי שִׁידוּךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף אָנְהַאלְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה דִי וָואךְ, דִי שִׂמְחָה וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער, מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדַאסְנֵיי. בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת - דִי תְּנָאִים, אוּן דֶעם צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת לֵיינֶען מִיר דִי כְּתוּבָּה; וְוִי מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער בִּינְדְן זִיךְ צוּ צוּ לֶעבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן נָאר מִיט דִי תּוֹרָה, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זַאךְ אִיז נָאר, מֶען דַארְף זֶען דִי שִׁידוּךְ זָאל אָנְהַאלְטְן, עֶס זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא. דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג וְוִי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן - צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט, אִיךְ קֶען וַוייזְן פַארְן גְרוֹיסֶער לַמְדָן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אוּן פַארְן קְלֶענְסְטְן מֶענְטְשׁ - אַז עֶר קֶען יָא לֶערְנֶען.

קוּק אַרַיין אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז דָא פַאר דִיר אוֹיךְ אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְהַאלְטְן דַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן קַבָּלוֹת פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַאר אַ גַאנְץ יָאר; וֶועסְט הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אָן גֶעדֶענְקֶען, אֲפִילוּ אָן קַיין חַבְרוּתָא.

דָא הָאסְטוּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פְּשָׁטוּת הַפְּשָׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען

שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיב מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל - וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵייטְן מָאל; אוּן אוֹיב מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד

מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִנְהָגִים פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ אוֹיפְבְּלַייבְּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה,

סַיי פון תּוֹרָה, סַיי פון נְבִיאִים און סַיי פון כְּתוּבִים, און נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן די תַּרְיַ״ג מִצְוֹת, און אַז עֶס בְּלַייבְּט צַייט - זָאל מֶען גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, און פַּארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר גֵייט מֶען אִין מִקְוֶה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן נו, אות ז) זִיךְ טוֹבֵל׳ן אִין מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַּארְטָאגְס, פַּארְן עֲלוֹת - אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס; אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ אִיז דָאס ׳שַׁעַר נ׳, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַּארְבְּרֶענְגֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט - דִי צַייט, און זִיכֶער נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ חִלּוּל יוֹם טוֹב, רֵייכֶערְן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, וַוייל דִי נַאכְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי חַג הַשָּׁבוּעוֹת, דְּרוּשׁ א): ״וְכָל מִי שֶׁלֹּא יָשֵׁן בַּלַּיְלָה הַזֶּה כְּלָל, אֲפִילוּ רֶגַע אֶחָד״, וֶוער עֶס דְרִימְלְט נִישְׁט דִי נַאכְט פַאר קַיין אֵיין רֶגַע נִישְׁט, ״וִיהִי׳ עוֹסֵק בַּתּוֹרָה כָּל הַלַּיְלָה״, און עֶר וֶועט זַיין פַּארְנוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ״מֻבְטָח לוֹ שֶׁיַּשְׁלִים שְׁנָתוֹ״, קֶען זַיין זִיכֶער עֶר וֶועט אוֹיסְלֶעבְּן דִי יָאר, ״וְלֹא יֶאֱרַע לוֹ שׁוּם נֶזֶק בַּשָּׁנָה הַהִיא״, און עֶס וֶועט אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס דִי גַאנְצֶע יָאר, און דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים פַלַאגִ׳י זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (מוֹעֵד לְכָל חַי סִימָן ח׳, אות טז) מֶען אִיז זוֹכֶה ״לְבָנִים וּבְנֵי בָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וְעוֹשֶׂה תִּיקּוּן לַשְּׁכִינָה, וּמְתַקֵּן מַה שֶׁפָּגַם בְּעֵינָיו״.

עַל פִּי הָאֲרִיזַ״ל שֶׁערְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר בִּיז עֶרֶב שָׁבוּעוֹת (עַיֵּין שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה אוֹרַח חַיִּים סִימָן תצג, סְעִיף קָטָן ח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ שִׁיק אוֹיךְ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ שִׁיקְן דַיין זוּן אִין קֶעמְפּ וְכוּ׳; אִיךְ שִׁיק אוֹיךְ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ, אִיךְ טוּ נִישְׁט וָואס מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן, אִיךְ טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג,

וָואס מִיר - דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער - הַאלְטְן אַז עֶס אִיז רִיכְטִיג, דָאס טוּעֶן מִיר; מִיר מַאכְן נִישְׁט אוּנְזֶערֶע הַחְלָטוֹת לוֹיט דִי טְרֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער.

הַלְוַאי זָאל דַיין שְׁטוּבּ אוֹיךְ זַיין גֶעזוּנְט גֶעבּוֹיט, נִישְׁט וִוי דִי מָאדֶערְנֶע וֶועלְט, אַז דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן וָואס דִי קִינְדֶער ווִילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק
טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, קוּק נִישְׁט אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא אָדֶער נִישְׁט, דוּ לֶערְן כְּסִדְרָן אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ לֶערְנֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִיר.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## מִנְהָגֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד גַּבָּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, הַשֵּׁם עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן צוּ דַאוֶּוענֶען מַעֲרִיב אוֹיף זְמַן רַבֵּינוּ תַּם. דֶער עִיקָר זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן קִידוּשׁ אִין שְׁטוּבּ אֵיידֶער זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת, אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער מָגֵן אַבְרָהָם (רֵישׁ סִימָן תצד).

בַּיי אוּנְז פִּירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן דִי פִּיוּטִים פוּן מַעֲרָבִית.

מִיר זִינְגֶען בַּיי מַעֲרָבִית "אַהֲבַת עוֹלָם" וְכוּ'.

(שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאגְן מִיר אִינְאֵיינֶעם דִי תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, אֵיינֶער זָאגְט פָאר הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל און אַלֶע זָאגְן מִיט אִינְאֵיינֶעם. מִיר זִינְגֶען הַארְצִיגֶע נִיגוּנִים צְווִישְׁן תּוֹרָה און נְבִיאִים, צְווִישְׁן נְבִיאִים און כְּתוּבִים און צְווִישְׁן כְּתוּבִים און דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ, נָאךְ יֶעדֶע הוּנְדֶערְט מִצְוֹת זִינְגֶען מִיר שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע אִידִישֶׁע נִיגוּנִים.

נָאכְן תִּיקוּן אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא צַייט - טַאנְצְן מִיר אִינְאֵיינֶעם).

יוֹם טוֹב אִינְדֶערְפְרִי בַּיי שַׁחֲרִית זִינְגֶען מִיר דִי בְּרָכָה פוּן "אַהֲבָה רַבָּה" מִיטְן נִיגוּן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימְנוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

בַּיי שַׁחֲרִית דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג; אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט וָתִיקִין זָאגְט מֶען נִישְׁט יוֹצְרוֹת, און אַז מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט וָתִיקִין זָאגְט מֶען יָא דִי יוֹצְרוֹת, אָבֶער מֶען זָאגְט נִישְׁט דֶעם פִּיּוּט - פוּן "וּבְכֵן ה' קָנָנִי רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ" - בִּיז "וּבְכֵן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה" וְכוּ'. אוֹיךְ זָאגְן מִיר נִישְׁט דִי לַאנְגֶע פִּיּוּט פַאר קְדוּשָּׁה.

מֶען רוּפְט אוֹיס כֹּהֵן און אֵיידֶער עֶר אִיז עוֹלֶה זָאגְט מֶען דִי אַקְדָמוּת מִיטְן זִיסְן בַּאקַאנְטְן נִיגוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בַּאוואוּנְדֶערְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנו).

מִיר פִּירְן זִיךְ צוּ לֵיינֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת צְווִישְׁן מִנְחָה און מַעֲרִיב דֶעם שְׁטַר אֵרוּסִין וּתְנָאִים, און דֶעם צְווֵייטְן טָאג - דִי כְּתוּבָּה צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער און אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל נַאגָ'רָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען. מֶען זִינְגְט שֵׁיינֶע נִיגוּנִים און מֶען רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און חִיזוּק.

פַאר דִי בְּנֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְן נָאר אֵיין טָאג יוֹם טוֹב; דִי יָאר וָואס מֶען גֵייט אַרַיין פוּן יוֹם טוֹב צוּ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - זָאגְט מֶען נִישְׁט דִי גַאנְצֶע קַבָּלַת שַׁבָּת, מֶען הוֹיבְּט אָן מִיט "בּוֹאוּ וְנֵצֵא לִקְרַאת כַּלָּה" וְכוּ', "מִזְמוֹר לְדָוִד" וְכוּ', "לְכָה דוֹדִי" וְכוּ', "לֹא תֵבֹשִׁי" וְכוּ' און אַזוֹי וַוייטֶער, און מֶען לָאזְט אוֹיס "כְּגַוְנָא".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אָנְגֶעְרֵייטְן פָּארְאוֹיס וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע וָואךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, סֶעקְרֶיטֶעְרִי בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן דִי סֶעקְרֶיטֶעְרִיס, אוֹיב דִי לֶערֶערִינְס בֶּעטְן צוּ מַאכְן צֶעטְלֶעךְ וְכַדוֹמֶה; דָאס קֶען נִישְׁט גֶעטוּן וֶוערְן בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן אִין דִי צַייט וָואס דִי לֶערֶערִינְס דַארְפְן זַיין אִין קְלַאס.

מֶען קֶען קוּמֶען זִיצְן אִין אָפִיס פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט - אִין דִי אֵייגֶענֶע צַייט, אָבֶּער וֶוען דִי לֶערֶערִין דַארְף זַיין אִין קְלַאס - קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען זִיצְן אִין אָפִיס, אוּן אַז אַ לֶערֶערִין זָאגְט ׳אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער׳ - זָאל זִי אַהֵיים גֵיין; מֶען קֶען זַיין אַ לֶערֶערִין נָאר אַז מֶען אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פוּן פָּארְאוֹיס וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע וָואךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**כַאפּ זִיךְ אָן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

כַאפּ זִיךְ אָן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לֶערְן יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא בְּכָל יוֹם, אוּן זַיי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה. זָארְג נִישְׁט, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַ קִינְד שְׁפִּירְט גְלַייךְ אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט אִים לִיבּ אָדֶער נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִוי לַאנְג דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט לִיבּ - אִיז אַ שָׁאד דַיין צַייט, ווַייל אַ קִינְד שְׁפִּירְט גְלַייךְ אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט אִים לִיבּ אָדֶער נִישְׁט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּם קִינְד, זָאלְסְט טְרֶעפְן אִין אִים גוּטְס, אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן.

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, דָאס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): ״כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילוּ יְלָדוֹ״ - אִיז אַן הִתְחַיְּבוּת, מֶען פַארְלַאנְגְט פוּנֶעם מְלַמֵּד ׳קוּק אוֹיף דִי תַּלְמִידִים כְּאִילוּ דָאס זֶענֶען דַיינֶע קִינְדֶער; וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן מִיט דַיינְס אַ קִינְד? וָואלְסְט זִיךְ גֶעבְרָאכְן קָאפּ צוּ טְרֶעפְן אַ וֶועג מִיט אִים, וָואלְסְט אַלֶעס גֶעטוּן דַיין קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין; דָאס טוּ מִיט דִי תַּלְמִידִים׳.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת אֵיידֶער דוּ הוֹיבְּסְט אָן דַיין טָאג אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע תַּלְמִידִים, דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט זֵיי - וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַייעֶר מַאן אִיז טַייעֶר אוּן וואוֹיל, אָבֶּער עֶר דַארְף אַייעֶר שְׁטַארְקֵייט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט אַ גֶעטְרֵייעֶ ווַייבּ, אִיר מַאכְט יֶעדְן טָאג עֶסְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער, אוּן אַז אִיר זֶענְט שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר

אַייעֶר מַאן וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאס אִיז אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, דָאס אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ, וָואס טוּט דֶעם מַאן׳ס ווִילְן.

זַייט שְׁטַארְק, זַייט אַ גוּטֶע וַוייבּ, לָאזְט נִישְׁט אַרַיין דִי טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּבּ. זָאגְט אַייעֶר מַאן אַז אוֹיף דֶעם קֶענְט אִיר נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין; אַלֶעס אִיז פַיין, אַלֶעס אִיז וואוֹיל, אָבֶער אִין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען דִי מַלְאַךְ הַמָּוֶת.

ווִי אַזוֹי אִיר וֶועט אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַייעֶר שְׁטוּבּ יֶעצְט נָאךְ דִי חֲתוּנָה – אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין; אַז מֶען הוֹיבְּט אָן נִישְׁט גוּט, שְׁפֶּעטֶער אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן.

אַייעֶר מַאן אִיז טַייעֶר אוּן וואוֹיל, אָבֶער עֶר דַארְף אַייעֶר שְׁטַארְקֵייט. אִיר קֶענְט אִים הַאלְטְן אִין פָּארֶעם, אִיר קֶענְט אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע חֲסִידִי׳שֶׁע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שְׁפִּילְן תַּמְ׳עֲוַואטֶע אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין בִּיז עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דָאס לֶעבְּן וֶוערְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, מִיט אַייעֶר חָכְמַת נָשִׁים בּוֹיט אִיר וַוייטֶער אַייעֶר שְׁטוּבּ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אַייעֶר מַאן מַאכְט נָאךְ אַייעֶר טַאטֶע וְכוּ׳; אִיר זֶענְט גֶענוּג קְלוּג אוּן גֶעלוּנְגֶען זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן וְכוּ׳, אוּן וֶוען עֶר הוֹיבְּט אָן נָאכְמַאכְן אַייעֶר טַאטֶע, עֶר מַאכְט נָאךְ ווִי אַזוֹי עֶר רֶעדְט אוּן ווִי אַזוֹי עֶר קְלַאפְּט - דַארְפְט אִיר קֶענֶען שְׁפִּילְן תַּמְ׳עֲוַואטֶע אוּן וַוייטֶער אָנְגֵיין כְּאִילוּ מֶען מֵיינְט נִישְׁט אַייךְ, בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי זַאךְ.

וואוֹיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס בּוֹיט אִיר שְׁטוּבּ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אִין גַן עֵדֶן מִיט אַלֶע צִדְקָנִיּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶערְצֵייל פַאר דַיין כַּלָה נָאר גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי שִׁידוּךְ זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָימָא, זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע, עֶרְלִיכֶע, אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

אִיךְ בִּין גְרֵייט עֶנְק צוּ בַּאגְלֵייטְן, קֶענְסְט מִיךְ פְרֶעגְן אַלֶע דַיינֶע פְּרַאגֶעס אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן.

דֶערְצֵייל נִישְׁט פַאר דַיין כַּלָה נָאר גוּטֶע זַאכְן; רֶעד נִישְׁט אִיבְּרִיגֶע רֵייד, רֶעד נִישְׁט פוּן דַיין עָבַר, אוּן פוּן שְׁוַואכְקֵייטְן; רֶעד נָאר פַּאזֶעטִיו, אַזוֹי וֶועט זִי דִיךְ אַרוֹיפְקוּקְן אוּן שֶׁעצְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן אִירֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ זִי אַלֵיינְס וֵויינְט אוּן דֶערְצֵיילְט וִוי מֶען הָאט אִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט טוּן דָאס אוּן דָאס וְכוּ׳ וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן קֶעגְן זֵיי; הֶער אִיר אוֹיס אוּן שְׁוַויג.

גֵיי דַאוֶוענְען דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶטְלִיכֶע הַדְרָכוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת אִין צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אויב אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט מֶען זָאל צוּרִיק גֵיין צוּם דָאקְטֶער - אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּרִיק צוּ גֵיין, וַוייל פוּן פָּאלְגְן אַ מַאמֶע - בַּאקוּמְט מֶען נָאר בְּרָכוֹת פוּן אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אִין שְׁטוּב קֶענְט אִיר זִיךְ אוּיסְפּוּצְן, בִּפְרַט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, פַאר׳ן מַאן - אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

בְּנוֹגֵעַ אַרוּמְנֶעמֶען, הַאלְזְן - אַ בְּרוּדֶער; עֶס שְׁטֵייט קְלָאר אִין רַמְבַּ״ם (סֵפֶר הַמִּצְווֹת, לֹא תַעֲשֶׂה שנג; פֶּרֶק כא מֵהִלְכוֹת אִסוּרֵי בִּיאָה, הֲלָכָה ו) אַז עֶס אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ אוּן מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן.

בְּנוֹגֵעַ זִינְגֶען; נוּצְט אַייעֶר טַאלַאנְט צוּ זִינְגֶען פַאר סְקוּלְס, זִינְגְט נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִגּוּנֵי צְנִיעוּת, וְכַדוֹמֶה.

בְּנוֹגֵעַ שְׁמוּעֶסְן מִיט בָּחוּרִים, פֶּעטֶערְס; טוּט דָאס נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ טֶעקְסְט אוּן וִוידִיאוֹ; אוֹיב מֶען נוּצְט עֶס נָאר מִיט חַבֶר׳טֶעס וָואס זֶענֶען אֵיידְל - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

בְּנוֹגֵעַ אַ שְׁפִּיצְל, שֵׁייטְל; אִיר דַארְפְט נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם מִיט אַייעֶר זֵיידֶע, הָאט נִישְׁט מוֹרָא, עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ אַייעֶרֶע שִׂמְחוֹת.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ אוּן וַוארְט אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.

...

**וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה, נֶעמְט זִיךְ דִי תּוֹרָה אָן פַאר אִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה - נֶעמְט זִיךְ דִי תּוֹרָה אָן פַאר אִים, דִי תּוֹרָה הִיט אִים אוּן עֶס הִיט זַיינֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה

טו:) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן, אוּן דִי טָאכְטֶער פוּן אַחֵר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ, זִי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, פַּרְנְסֵנִי", רֶבִּי גֶעבְּט מִיר עֶפֶּעס עֶסְן, הָאט רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "בַּת מִי אַתְּ", וֶועמֶענְס טָאכְטֶער בִּיסְטוּ? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בִּתּוֹ שֶׁל אַחֵר אֲנִי", אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן אַחֵר, הָאט רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: "עֲדַיִן יֵשׁ מִזַּרְעוֹ בָּעוֹלָם", עֶר הָאט נָאךְ קִינְדֶער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (איוב יח, יט): "לֹא נִין לוֹ וְלֹא נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו", עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן אַ רָשָׁע, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן: "זְכֹר לְתוֹרָתוֹ וְאַל תִּזְכֹּר מַעֲשָׂיו", אִיךְ בֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. וֶוען זִי הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ פֵייעֶר פוּן הִימְל אוּן פַארְבְּרֶענְט דִי בֶּענְקְל פוּן רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ, זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר אִים, הָאט רַבֵּינוּ הַקוֹדֶשׁ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "וּמַה לַמִתְגַנִּין בָּהּ כַּךְ, לַמִשְׁתַּבְּחִין בָּהּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה", מַה-דָאךְ וֶוען אַ רָשָׁע לֶערְנְט תּוֹרָה קוּמְט דִי תּוֹרָה אוּן נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים, אִיז דָאךְ אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶועט זִיךְ זִיכֶער דִי תּוֹרָה אָנְנֶעמֶען פַאר אִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ גְרֵייטְן פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ גֶעפְרֶעגְלְטְן אִיד אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעזֶען אוּן נִישְׁט גֶעהֶערְט

פוּן דִיר, אִיךְ ווִיל דִיר לָאזְן ווִיסְן אַז אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט צֶעפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "וְכִי אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָפֵץ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹהֵב אָדָם מְרֻקָּח, 'גָאט הָאט לִיעֵב אַ גִיפְרֶעגִילְטְן מֶענְטְשְׁן'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגֶלְטְן אִיד; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מַסְבִּיר, וָואס מֵיינְט אַ גֶעפְּרֶעגֶלְטְן אִיד? וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעפְּרֶעגֶלְט פוּן אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריִקַייטְן - אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק - וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין.

...

### גֵיי אַ טֶענְצְל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ. עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ זָאלְסְט אַלֶע טָאג טַאנְצְן; גֵיי אַ טֶענְצְל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, יֶעדְן פַארְנַאכְטְס אוּן אִינְדֶערְפְרִי טַאנְץ מִיט זֵיי מִיט שִׂמְחָה; עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט, סַיי פַאר אוּנְז אוּן זִיכֶער פַאר קִינְדֶער - צוּ טַאנְצְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

מֶען קֶען אַסַאךְ גְרִינְגֶער מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶערְשְׁט אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, וֶוען מֶען זִינְגְט אוּן טַאנְצְט מִיט גוּטֶע לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק; עֶס עֶפְנְט זִיךְ דֶער מֹחַ אוּן דִי הַארְץ, עֶס אִיז גְרִינְגֶער אַלֶעס צוּ מְקַבֵּל זַיין.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר דִי זַאכְן וָואס אִיךְ אַלֵיינְס טוּ, עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶּה.

...

### הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל וַוייטֶער הָאבְּן מִיט דִיר אַ נָאנְטֶע קֶשֶׁר, עֶס אִיז גוּט סַיי פַאר מִיר אוּן אוֹיךְ פַאר דִיר - מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן וַוייטֶער נָאנְט.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַנְדֶערֶע, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט דֶער אָדֶער יֶענֶער, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דִי שֵׂכֶל וָואס מוֹהֲרַא״שׁ לֶערְנְט אִין דִי טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו אוּן אִין דִי טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיינֶע וֶועגְן, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

...

### דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אִין יְשִׁיבָה שְׁפִּילְט נָאךְ אִין דַיין קָאפּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַלֶעס אִיז גוּט בַּיי דִיר.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶערְנְסְט נָאךְ, דוּ הָאסְט נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וְעוֹד, דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אִין יְשִׁיבָה שְׁפִּילְט נָאךְ אִין דַיין קָאפּ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, וֶועסְטוּ זִיךְ אַזוֹי גוּט שְׁפִּירְן, וֶועסְט וֶוערְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

...

**לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב דַּיְקָא יֶעדְן אוֹיפְדֶערְנַאכְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ד׳ סִיוָן, מ״ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיפְוֶועקְן זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, סַיי אִין מִקְרָא - לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם לוֹיט דִי טָאג, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי. סַיי מִיט מִשְׁנָה - לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן וְעַל כּוּלָם גְמָרָא - לֶערְנֶען סַיי דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג, אוּן סַיי אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס כְּסִדְרָן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּב דַּיְקָא יֶעדְן אוֹיפְדֶערְנַאכְט - וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. סַיי דוּ וֶועסְט וֶוערְן מֶער פְרֵיילִיךְ; עֶכְט פְרֵיילִיךְ. סַיי דַיין שָׁלוֹם בַּיִת; דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן דִיךְ צוּ זֶען לֶערְנֶען, ווִי אֵיידֶער שְׁפִּילְן מִיטְן אָפְּגֶעריסֶענֶעם טֶעלֶעפָאן, ווִי שְׁטֵיין אוּן קוּקְן אוּמְבַּא׳טַעֲמְ׳טֶע סְטֶעטוּס. סַיי דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן וַואקְסְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס, וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ גוּטֶע טַעַם אִין לֶעבְּן, וֶועסְט אִינְדְזְשׁוֹיעֶן יֶעדְן טָאג.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווָאס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

## מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט זַיינֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק. אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת'ן אוֹיג, זֶעט מֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ קוּרְצֶע צַייט אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן נָאךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית.

אַמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד: "אֱמֶת, מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד, אֶפְשָׁר יֶעצְט אִיז צַייט צוּ זוּכְן אַנְדֶערֶע וְכוּ' זָאלְן מִיךְ טְרָאגְן צוּ נָאךְ הֶעכֶערֶע דַּרְגוֹת?" הָאט דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד גֶעזָאגְט: "אַז מוֹהֲרַ"שׁ הָאט דִיךְ גֶעקֶענְט מַאכְן פוּן נִישְׁט תְּפִילִין - יָא תְּפִילִין, פוּן נִישְׁט תּוֹרָה, פוּן נִישְׁט תְּפִלָּה - צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען - וֶועט עֶר דִיךְ זִיכֶער טְרָאגְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלֶעצֶער", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי", וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ פָּאלְגְן, "וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה", אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ זָאג, "בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל", וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, "יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיב.

...

## זֵיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעֹמֶר, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

לִכְבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צְוֵויי זַאכְן:

אֵיינְס, גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת.

צְוֵויי, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל", וָואס דַארְף אַ אִיד טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דַאוֶוענֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## נִישְׁטָא קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער, אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, מ"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל, נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין דַיין שְׁטוּבּ קַיין טֶעלֶעפָאן, לָאז דַיין שְׁטוּבּ זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג, עֶס זָאל זִיךְ צִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דַארְפְסְט אַ טֶעלֶעפָאן פַאר פַּרְנָסָה? דַארְפְסְט אִינְטֶערְנֶעט פַאר פַּרְנָסָה? מֶען קֶען הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן פַאר פַּרְנָסָה, מֶען קֶען הָאבְּן אִינְטֶערְנֶעט פַאר פַּרְנָסָה - אָבֶּער אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען קַיין טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער.

אִיךְ וֶועל וַוייטֶער זָאגְן אוּן שְׁרַייבְּן דֶעם אֱמֶת, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אַלֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָנְהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב׳, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין גֶעוֶועןְ אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע מִינוּט.

יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אָנְצוּהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, יֶעצְט דַארְף מֶען אָנְהַאלְטְן דָאס בֶּענְקֶען; וַוייטֶער בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְקֶען צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין מְחוּתָּן, הָרַב הַצַּדִּיק מְוָואלְטְשִׁיסְק זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וָואס הָאט פֶערְצִיג יָאר גֶעבֶּענְקְט צוּ אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶוען דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רָב (אוֹיךְ אַ מְחוּתָּן פוּן רֶבִּי׳ן) הָאט דָאס גֶעהֶערְט - הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״וָואס דַארְף מֶען זִיךְ בֶּענְקֶען? אוֹיבּ וִויל מֶען פָארְן עֶפְּנְט מֶען דִי בֶּערְזְל, מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָארְט״.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״דֶער מְחוּתָּן פוּן וָואלְטְשִׁיסְק וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער מְחוּתָּן חַמֶעלְנִיקֶער רָב - נִישְׁט״, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דָאס בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס לוֹינְט זִיךְ אַלֶעס אַבִּי צוּ קֶענֶען אַ טוֹבָה טוּן פַּאר אַ אִיד**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶס לוֹינְט פַּאר אַ נְשָׁמָה אַרָאפְּצוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט פַּאר זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן עֶס זָאל זִיךְ טוּן מִיט אִיר וָואס זָאל נָאר זַיין, אַבִּי צוּ קֶענֶען אַ טוֹבָה טוּן פַּאר אַ אִיד, אוּן כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחֹמֶר וֶוען מֶען קֶען אַ טוֹבָה טוּן פַּאר אַ אִיד; אִים מְחַזֵּק זַיין, אַרַיינְבְּלָאזְן אַ הָאפֶענוּנְג, אַ גֵייסְט - צוּ וֶועלְן לֶעבְּן.

אִיר דַארְפְט יֶעדְן טָאג טַאנְצְן פַּאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַזַא גְרוֹיסֶע זְכוּת פוּן זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

...

**אִיךְ ווִיל נֶעמֶען מַיין זוּן קַיין אוּמַאן פַּאר דִי זִיבְּן יָאר**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ מִיר אַ טוֹבָה, מַאךְ מִיר אַ פַּאסְפָּארְט פַּאר מַיין זוּן יוֹסֵף, עֶר וֶוערְט קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זִיבְּן יָאר, אִיךְ ווִיל אִים מִיטְנֶעמֶען מִיט מִיר דִי יָאר קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אַהֶער קַיין אוּמַאן אֵיידֶער דִי זִיבְּן, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף ווִיל אִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי טוּן, ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, אוֹיבּ וֶועט מֶען בְּרֶענְגֶען צוּ אִים אַ קִינְד אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר - וֶועט דֶער קִינְד גֵיין צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶעם הֶעמְד, דָאס מֵיינְט מֶען רֵיין אָן קַיין פְּגָמִים.

יֶעצְט נֶעמְט זֵייעֶר לַאנְג צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען אַ פַּאסְפָּארְט, מֶען דַארְף דָאס מַאכְן אוֹיפְ׳ן שְׁנֶעלְן וֶועג.

לָאז מִיר וִויסְן וֶוען מַיין אַפּוֹינְטְמֶענְט אִיז.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...